STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01697

DOKTOR RUBINSTEYN

Aleksander Fredro

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Masteroff
in memory of
Louis P. Masteroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאקטאר רובינשטיין

פֿארס אין 1 אקט.

פֿון

גראף י. א. פֿרעזרא

פֿעריודישט ז. זילבערצווייג.

פעטריקאָוו

געזעצט ביי ב. ליבעסקינד. פעטריקאָוו.

דאָס אויפֿפֿירונגס־רעכט ווערט געשיצט :

אין רוסלאַנד : דורכ׳ן רוסישען דראַמאַטישען און מוזי־
קאַלישען שריפֿטשטעלער־פֿערבאַנד אין
פּעטערבורג .

אין פּױלען : דורכ׳ן יודישען ליטעראַטען־און זשורנאַליסטען־
פֿעראײן אין לאָדז .

פּערזאָנען:

זאַטמאַן, — בעזיצער פון א גיט.

בעטי, — זיין פרוי.

אננא, — זייער טאָכטער.

לעאָן גוטקינד.

אדאָלף עקשטיין.

דאָקטאָר רובינשטיין.

פּעליקס }
} דינער ביי זאַטמאַנ׳ען.
בערטא }

די האַנדלונג קומט פאָר ביי זאַטמאַנ׳ען.


מיטעלטיהר
קלאוויר
ק ערענס.

זאַטמאַנ׳ס סאַלאָן.

אין הינטערגרונד צוויי טירען; צווישען זיי א טיש. רעכטס אין דער ערשטער קוליס — א גלאז־טיר צום גאָרטען. אין דער צווייטער קוליס — די טיר צו זאַטמאַנ׳ס צימער, אין דער דריטער קוליס — א שאַנק, אין איהר טעלער, א פלאַש וויין, גלעזער, מעסער, גאָפעל, לעפעל א. ד. ג. אין פאָדערגרונד אַ קליין טישעל, דערויף אַ טינטער פאַפּיער, פעדערן, א. ד. ג. דערנעבען אַ שטול. לינקס אין דער ערשטער קוליס א אויווען, וואָס ברענט, נעבען אויווען אַ קליינע כאָפע און אַ רונדיגער טיש, אויף איהם אַ גראַפין וואַסער, איינינע גלעזער און א קאַלענדאר. אין דער צווייטער קוליס — די טיר צו פרוי זאַטמאַנ׳ס צימער, אין דער דריטער די טיר צו אננא׳ס צימער. איינינע שטולען.

ביים אויפהייבען דעם פאָרהאַנג שלאָפט פעליקס אויף דער סאָפע מיט א ווארם פלאַש אין דער האַנד.

1־טער אויפטריט.

פעליקס, בערטא, זאַטמאַן.

(הינטער דער ביהנע)

בערטאַ: (אריינלויפענדיג פון זאַטמאַנ׳ס צימער) פעליקס!... פעליקס!... וואו איז די ווארמפלאַש? (זעהט אז פעליקס שלאָפט, שאָקעלט איהם) פעליקס!...

פעליקס: (ווערט וואך, שטעהט שנעל אויף און לויפט צו דער גלאז־טיר) הא? וואס? קאלטע קאמפרעסען? שוין, שוין!...

בערטא: וואס פאר א קאמפרעסען?... די ווארם־פלאש!... אבער שנעלער!

פעליקס: (פערשלאפען) ווארמפלעשער?... איך האב נישט געזעהן קיין ווארמפלעשער.

בערטא: אט די — וועלכע איהר האלט אין האנד. ווערט שוין אמאל וואכענדיג איהר שלאפמיץ!

פעליקס: (ווי אין שלאף) א — יא!... די ווארם־פלאש...

בערטא: טראגט זי שנעל אריין. דער הערר ווארט שוין אויף איהר א פירטעל שעה.

פעליקס: (עפענט לאנגזאם די ווארמפלאש) יא, זי שוין אבער קאלט געווארען...

בערטא: מאַ מאכט זי ווידער ווארם — אבער שנעלער, שנעלער! ווארום דער הערר זידעלט, אז ס'איז א שרעק.

פעליקס: (לעגט אריין מיט אצוואנג אין דער פלאש גליהענדע קויהלען פון אויווען) ער זידעלט? דאס איז שוין נישט קיין נייעס. אך, פרייליין בערטא, איהר ווייסט גארנישט וואס ס'הייסט צו זיין ליידענד...

בערטא: איהר זענט ליידענד?. כא.. כא...

פעליקס: איהר קאנט זיך לאכען... איהר זאלט אבער נישט געפרובט ווערען אזוי ווי איך... אט א שטיינער (גענעצט) שלעפערט מיך, אז כ'קאן קוים שטעהן אויף די פיס...

בערטא: (לאכט) אט דאס הייסט ביי אייך, ליידענד!

פעליקס: יא... כסדר נאר ס'שלעפערט מיך אדער ס'הונגערט מיך... אזוי ווי אונזער הערר. אז מ'קאן

זיך דאָך דאָ גאָרנישט רעכט אויסשלאָפֿען.

בערטא: איהר שלאָפֿט דאָך אַ גאַנצען טאָג.

פֿעליקס: שעהן שלאָף איך!... אַמאָל בײַ טאָג פּרוב איך צוטאַבען אַ אויג און כ׳כאַפּ אַמאָל אַרײַן אַ קלײַן שלאָפֿעלע, אָבער בײַנאַכט... אוי, די נעכט... די נעכט... קוים ווערט נאָר נאַכט, הויבט דער בעל־הבית מיך שוין אָן צו רופֿען...

זאַטמאַן: (פֿון הינטער דער ביהנע) פֿעליקס! די וואַרם־פֿלאַש! צו אַלע גוטע יאָהר, די וואַרמפֿלאַש!

פֿעליקס: די מינוט! שוין! (צו בערטאַ׳ן) אָט אַזוי ווי איהר הערט, אַ גאַנצע נאַכט. אַזוי ווי כ׳מאַך נאָר צו אַ אויג, הויבט ער שוין אָן צו שרײַען: פֿעליקס, די וואַרמפֿלאַש! פֿעליקס, עפּיס אין מויל אַרײַן! פֿעליקס, רײַב מיר אויס אַ פּלײצע; פֿעליקס, מאַך מיר אַ קאָמפּרעס. אין טאָמער געפֿעלט איהם עפּיס נישט, שלאָגט ער דאָך באַלד. אָט אַ שטײַגער נעכטען...

בערטא: ... איז ער נעװען נערעכט. וועלכער מענש לעגט דאָס בריהענדע גריץ אויפֿ׳ן לײַב?

פֿעליקס: ווער קאָן דען שטענדיג וויסען וואָס פֿאַר׳אַ גראַד מ׳דאַרף פּונקט האָבען? ער האָט געוואָלט אַ וואַרעמען קאָמפּרעס, האָב איך איהם געמאַכט אַ וואַרעמען קאָמפּרעס. ווער זאָל זיך ריכטען, אַז די גריץ זאָל זײַן אַזוי הײס, אַז ער וועט זיך אָבבריהען און שפּרינגען אין דער לופֿטען. איך זאָג אײַך, אַז דאָ איז נישט צום אויסהאַלטען. אין אַ שעהנעם העלען טאָג וועל איך זיך אָװעקלעגען און שוין...

זאַטמאַן: (פֿון הינטער דער ביהנע) פֿעליקס! דו הונד אײנער! דו ברענגסט אַרײַן די וואַרמפֿלאַש, אָדער כ׳וועל דיר דעם מח שפּאַלטען!

פֿעליקס: (פֿלעגמאַטיש) איהר הערט, פֿרײַלײַן בערטא,

ער וועט מיר דעם מח שפאלטען. און איך בין אזוי ליידענד... (שרייט אריין אין טיר) שוין, איך מאך זי גאר ווארם. (צו זיך) און איך בין אזוי ליידענד.

בערטא: יא, איהר זענט פונקט אזוי ליידענד ווי דער הערר. איהר טהוט ביידע גארנישט, טאקע גאר גארנישט; איהר עסט נאר און שלאפט און דעריבער איז גאנץ לייכט צו פערשטעהן פארוואס...

זאטמאן: (פון הינטער דער ביהנע) פעליקס! דו ברענגסט אריין די ווארמפלאש, אדער איך דערשטיק דיך!

פעליקס: איהר הערט, ער וועט מיך דערשטיקען!

2־טער אויפטריט.

אננא, בערטא, פעליקס, זאטמאן (הינטער דער ביהנע).

אננא: (אריינקומענדיג פון זאטמאנ׳ס צימער) פעליקס! שנעלער! איהר הערט ניכט, אז פאפא ווערט אונגעדולדיג! דאס איז דאך פאר איהם שעדליך.

פעליקס: (אפארט) פאר מיר אויך. (צו דער טיר ארויסגעהענדיג, הויך) איך געה שוין, איך געה שוין! (אב אין זאטמאנ׳ס צימער).

אננא: די מאמא שלאפט נאך?

בערטא: כ׳וויים ניכט. געקלונגען האט זי נאך נישט.

אננא: ארימע מאמא. זי האט כמעט א גאנצע נאכט געמוזט אויפזיין ביים פאפא. ערשט אין דער פריה האט

זיך מיר איינגעגעבען זי איבערצורעדען, אז זי זאל געהן שלאפען.

בערטא: יא, דער הערר האט היינט געהאט א שרעקליכע נאכט.

אננא: יא, דער פאפא איז זעהר קראנק געווען.

בערטא: ענטשולדיגט, פריילין, נאך ערלויבט מיר אייך צו זאגען, אז אייגענטליך האט עס אנדערש נישט געקאנט זיין.

אננא: פארוואס?

בערטא: דערמאנט אייך נאר גוט, וואס דער הערר האט אויפגעגעסען נאכטעסען: מארינירטע הערינג, פלייש מיט זויער קרויט, געפילטע קישקע, א פעט מערן־צימעס...

אננא: יא, ס'קען זיין, אז ס'איז ווירקליך געווען אביסעל צו פיעל.. אונזער פערשטארבענער הויז־דאקטאר האט אבער איהם נישט פערבאטען צו עסען...

בערטא: וויל ער פלעגט שטענדיג מיטעסען ביי אונז, און ער האט אליין געוואלט וואס מעהר עסען.

זאטמאן: (פון הינטער דער ביהנע) גוואלד! דו פערברענסט מיך!...

פעליקס: (. . . . .) אוי, אוי, לאזט מיך אב! לאזט מיך אב! (א טומעל אין זאטמאנ׳ס צימער).

3־טער אויפטריט.

אננא, בערטא, פעליקס, דערנאך זאטמאן.

פעליקס: (לויפט אריין מיט דער ווארמפלאש אין דער האנד, שפרינגט ארום איבער דער בינע און אנטלויפט אין הינטערגרונד לינקס ארויס. זאטמאן אין שלאפ־ראק, ווייסע פלאנעל הויזען און פאנטאפעל און מיט א קליין קישען אין דער האנד, לויפט אריין און ווארפט עס נאך פעליקס׳ן, עס טרעפט אבער אין דער טיר).

אננא: וואס איז? וואס האט ער דיר געטהון, פאפא?

זאטמאן: (אויפהויבענדיג דאס קישען, נעמט עס אונטער׳ן ליגקען ארעם) אזא בהמה! וואס ער האט געטהון? גע־בראטען האט ער מיך! געבראטען! אוי, אוי, און איצט געה איך שלאפען.... איהר זאלט מיך נישט וועקען, אויסער, אז דער דאקטאר וועט קומען. (אב אין זיין צימער).

אננא: (קוקט אויפ׳ן זייגער) מיך וואונדערט, וואס דער דאקטאר איז נאך נישטא.

בערטא: ס׳קאן זיין, אז מ׳האט איהם נישט גע־טראפען אין שטוב און ער ווייס נישט וועגען וויזיט.

אננא: ניין, דאס נישט, נאר איך מוז דיר זאגען, אז איך בין סיי ווי סיי בעאונרוהיגט וועגען נייעם דאקטאר. מיר קענען דאך איהם גארנישט, מיר ווייסען דאך נישט צי ער פערשטעהט עפעס, צי נישט.

בערטא: אלענפאלס וועט ער מעהר פערשטעהן ווי דער פערשטארבענער.

א נ נ א: ס'קאָן זיין, דער פּאַפּאַ האָט אָבער געהאַט צו איהם צוטרוי.

בּ ע ר ט א: יאָ, שוין צו פיעל צוטרוי (אַפּאַרט) ער האָט דאָך איהם געגלויבט, אז ער איז קראַנק. מיין בעל-הבית און קראַנק!... (אַ מומעך הינטער דער בּוהנע. בּערטא קוקט אַרויס דורך די שויבּען פון דער גלאָז-טיר) פריילין, פריילין, דער דאָקטאָר! ווי יונג ער איז און שעהן! דאָס וואָלט געווען אַ מאַן פאַר אייך!

א נ נ א: (אונמוטיג) וואָס פּלוידערסטו דאָרט!

בּ ע ר ט א: איך לויף אַרויס איהם אַריינצופיהרען.

(אב דורכ'ן הינטערגרונד רעכטס).

4־טער אויפטריט.

אננא (אליין).

א נ נ א: יונג—שעהן! אַך, איך אָרעם, אומגליקליך מיידעל!... וואָס וועט זיין מיין סוף...

5־טער אויפטריט.

אננא, בערטא, גוטקינד.

בערטא: (אריינפיהרענדיג גוטקינד׳ן) ביטע, ה׳ דאָקטאָר, אָט דאָ אריין.

גוטקינד: איך דאנק, אָבער איך בין נישט..

בערטא: דאָ איז דאָס פריילין... (פערנייגט זיך און געהט אריין אין זאטמאנ׳ס צימער).

גוטקינד: (בעמערקט אננא׳ן) אָ, פריילין אננא, וואָס פאַר׳אַ גליק!

אננא: וואָס? איהר! ה׳ גוטקינד... אָ, מיין גאָט! (כאפט זיך ביים הארץ).

גוטקינד: (איילט צו איהר צו, נעמט איהר האנד. קושט זי) פריילין... אך, פריילין אננא, וואָס זענט איהר אזוי אויפגערעגט?

אננא: ענטשולדיגט! אָבער אייער קומען אזוי פלוצלונג...

גוטקינד: וואָס, איהר האָט גערעכענט, אז איך וועל נישט האלטען וואָרט?

אננא: ניין, איך האָב נישט געצווייפעלט. יאָ, נאָר ווען מיר האָבען זיך מיט א האלב יאָהר צוריק געזעהען דאָס לעצטעמאָל, האָט איהר מיר געזאָגט, אז איהר וועט ערשט קומען ווען איהר וועט האָבען א פעסטען פאסטען...

גוטקינד: און דאן האָבען אייערע עלטערן מסכים געווען אייך, דיר צו ערלויבען חתונה צו האָבען מיט מיר.

אננא: יאָ, נו?

גוטקינד: נו... און אט האב איך ענדליך אזא פאסטען. איך בין אינזשינער ביי א ערשט קלאסיגע פירמע און האב א זעהר שעהן געהאלט.

אננא: אבער...

גוטקינד: וואס אבער?..

אננא: אייער האפנונג איז א פאלשע, ווארום מיין פאטער וויל מיך נאר פערהייראטען מיט א דאקטאר.

גוטקינד: דאס איז דאך א משוגעת! (שנעל) א, פארדאן, פארדאן!

אננא: ער איז א קראנקער מענש און וויל דורכאוים האבען א דאקטאר פאר א איידעם.

גוטקינד: איך מוז זיך, אלזא, אבזאגען פון אלע מיינע האפנונגען?

אננא: וואס קאן איך טהון? איך מוז פאלגען מיין פאטער. איך וועל נישט חתונה האבען געגען זיין ווילען און אזוי ווי איך ליב נאר דיך, וועל איך אינגאנצען נישט חתונה האבען.

גוטקינד: (נעמט איהר האנד און קושט זי) אננא—מלאך מיינער! ניין, דו מוזט זיין מיינע! איך בלייב דא און וועל בעטען דיין פאטער, איך וועל פאר איהם קניהען, וויינען...

אננא: וואס טהוט זיך מיט דיר? מיין פאטער איז א קראנקער, נאר א גרויסער עקשן, ער וועט זאגאר מיט דיר נישט וועלען רעדען.

גוטקינד. נישט רעדען?!

אננא: ער איז אזוי קראנק, אז מיר ווארטען יעדען אויגענבליק אויפ'ן ד״ר רובינשטיין!

גוטקינד: רובינשטיין... רובינשטיין... פון קראקא?

אננא: יא.

גוטקינד: בראַווא, גוט, אויסגעצייכענט! דער בצחון איז אויף אונזער זייט!.

אננא: וואָס איז? איך הויב ניט אָן צו פער־שטעהן.

גוטקינד: אַ געניאַלע אידעע.

אננא: אָבער וואָס אַזעלכעס?

גוטקינד: איך האָב זיך נעכטען געזעהען מיט׳ן ד״ר רובינשטיין פון קראָקאָ, ער איז מיינער אַ נאָנטער פריינד און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער דאָ זיין ביי דיין פאַפּא, ביז דעמאָלט וועלען מיר אויסניצען די געלעגענהייט און איך וועל דערווייל פיגורירען אַלס ד״ר רובינשטיין.

אננא: אַ משוגענער איינפאַל.

גוטקינד: ניין, גראָד אַ גלייכער איינפאַל. דיין פאָטער וועט מיך דערווייל קענען לערנען און אַזוי ווי כ׳בין זיכער, אַז איך וועל איהם געפעלען, וועלען מיר ענדליך דערגרייכען אונזער ציעל.

אננא: אָבער בערעכען זיך אַליין, וואָס דו רעדסט. מיין פאָטער איז קראַנק און נויטיגט זיך אין אַ דאָקטאָר און דאָ וועסטו קומען און זיך אויסגעבען אַלס דאָקטאָר, ניט האָבענדיג קיין אהנונג אין מעדיצין.

גוטקינד: דאָס איז שוין מיין זאַך.

אננא: דו קאָנסט איהם נאָך קראַנקער מאַכען.

גוטקינד: טייערע אננא, דו פערשטעהסט אַליין, אַז האָבענדיג דיך צו בעקומען אַלס מיין פרוי, האָב איך זיך גענוי פעראינטערעסירט מיט דיין פאַמיליען־הויז און איך מוז דיר דעריבער ענטדעקען אַ געהיימניס: דיין פאָטער איז קראַנק אויף אַ איינגעבילדעטע קראַנקהייט... ער ליידט פון צופיעל עסען.

אננא: איך וועל דיר זאגען דעֵר אֱמת, מיר דאכט זיך אויך אזוי.

גוטקינד: זעהסטו שוין, איך וועל איהם, אלזא, קורירען מיט אזעלכע רעצעפטען, וואס מאכען נישט ערגער און נישט בעסער.

אננא: אבער וואס וועט זיין מיט מאמא?

גוטקינד: איהר מוז מען אויך איינרייד'ען, אז איך בין א דאקטאר.

אננא: ניין, ניין, דאס איז אונמעגליך.

גוטקינד: ווילסטו, אלזא, בעסער, אז איך זאל ווידער אוועקפאהרען, און פון אונזערע האפנונגען זאל גאר-נישט ווערען?

אננא: ניין, דאס וויל איך נישט...

גוטקינד: טא טראכט גארנישט און טהו אזוי ווי איך זאג. האסט בעמערקט, אפילו דאס דינסט-מיידעל איינערם האט דאך מיך אויך גערופען ה׳ דאקטאר.

אננא: איך ווייס ווירקליך נישט וואס צו טהון...

(פון הינטער דער ביהנע הערט מען וואטמאג'ען הוסטען און שפייען).

גוטקינד: מיר דאכט זיך, אז פאפא קומט!

אננא: אָ, מיין גאט!

6'טער אויפטריט.

אננא, גוטקינד, זאטמאן (קומט אריין).

זאטמאן: (זעהר דיק און רויט, אין שלאפראק, נאר פון אונטען אינגאנצען אנגעטהון, רעדט מיט א שוואכע שטימע, קרעכצט אונטער) ע... בערטא זאגט... ע... אז דער ה' דאקטאר רובינשטיין איז געקומען.... ע... וואו איז ער?

גוטקינד: (פערנייגענדיג זיך) איך האב די עהרע... ד"ר רובינשטיין....

זאטמאן: ס'פרעהט מיך זעהר צו בעקענען....

ע... מיט אזא בעריהמטען דאקטאר.... אננא, ברענג אריין דאס קישעלע און לייג עס אוועק אויף דער ע... סאפע. (אננא געהט אריין אין זאטמאנ'ס צימער און קומט באלד צוריק מיט א קישעלע) איהר קומט גראד צו דער ריכטיגער צייט, ה' דאקטאר... כ'האב זיך געשראקען, אז איהר זאלט נישט קומען ע.... צו שפעט.

גוטקינד: וואס רעדט איהר!

אננא: פיהלסטו זיך אזוי שלעכט, פאפא?

זאטמאן: (מיט א שטארקע שטימע) וואס מישסטו זיך אריין? (שוואך) איך בין קראנק, זעהר קראנק, ה' דאקטאר... איך וועל אודאי באלד שטארבען.

גוטקינד: וואס פאלט אייך איין!

אננא: (צו גוטקינד'ן) פאפא שפאסט נאר....

זאטמאן: (צו אננא'ן) וואס טרוסטו דא, וואס מישסט דו זיך אריין ווען איך בעראט זיך מיט'ן דאקטאר? געה אריין צו זיך אין צימער און שלאף זיך אויס. איך מוז דא

רײדען מיט'ן דאָקטאָר אונטער פיער אויגען. (אננא אב, דורך דער צװײטער טיר לינקס, פאר'ן אבגעהן קומט פאר א פאנטאמינעשפיל צװישען איהר און גוטקינד'ן: זי—װי זי װאָלט איהם געבעטען נישט צו טהון דעם פאָטער קײן שלעכטס. ער—װי ער װאָלט איהר פערזיכערט, אז אלץ װעט זײן אין בעסטען אָרדנונג).

7־טער אויפטריט.

זאטמאן, גוטקינד.

זאטמאן: װי געזאָגט, ה' דאָקטאָר, איז מיט מיר ביטער, זעהר ביטער...

גוטקינד: מיר װעלען נאָך זעהן...

זאטמאן: איך האָב נישט קײן אפעטיט.

גוטקינד: (ערשטױנט) הא?

זאטמאן: איך האָב נישט קײן אפעטיט... ס'הײסט, צו ביסלעך עם איך טײלמאָל עפּעס... נאָר כ'קאָן נישט זאָגען, אז ס'שמעקט מיר... איך עם אײן מאכל... א צװײט....

גוטקינד: (פערגעסט זיך) א דריט...

זאטמאן: טײלמאָל אפירט; נאָר אָהן אפעטיט, אָהן שום אפעטיט.

גוטקינד: װיפיעל מאָל עסט איהר אין טאָג?

זאטמאן: װי אמאָל, טײערער ה' דאָקטאָר. געװעהנליך אין דער פריה... אזױ צװישען 9 און 10... טרינק איך קאװע, עם דארט אויף א 5—6 פלעצלעך און

אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, אָבער דאָס נאָר, אַז דאָס ברויט איז פֿריש.... אַרום 11 מאַך איך אַ שנאַפּס אָדער טרינק אַביסעל קאָניאַק און פֿערזוך אַ שטיקעל געבראָטענס אָדער אַ ביפֿשטיק, אַרום 1 טרינק איך אַביסעל ליקער און עס אַביסעל קאַוויאַר, אַ שאַכטעלע סאַרדינען און אַביסעל איינגעמאַכטס כּדי צו בעקומען אַפּעטיט, און אַז גאָט העלפֿט און כ׳בעקום שוין אַביסעל אַפּעטיט, עס איך אַרום 2 דאָס מיטאָג און פֿון דעמאָלט אָן נעם איך נישט אין מיין מויל אַריין ביז 5, ווען כ׳פֿערזוך אַביסעל אויבס און טרינק אַפּאָר גלעזלעך קאַווע און אַ טעפּעל זויערמילך... אַזוי בלייב איך שוין ניכטער ביז 8, וואָרום אַזוי ווי 10 געהען מיר שלאָפֿען, עסען מיר 8 אַווענדברויט, איהר פֿערשטעהט דאָך אַליין, אַז אַלס קראַנקער..

גוטקינד: יאָ, איך פֿערשטעה... איך פֿערשטעה...

זאַטמאַן: אַלס קראַנקער מוז איך דאָך געהן פֿריה שלאָפֿען.

גוטקינד: פֿערשטעהט זיך. מילא איך הער שוין, אַז איהר עסט גאָרנישט.

זאַטמאַן: אמת?!

גוטקינד: יאָ, און טרינקען טרינקט איהר אויך גאָרנישט?

זאַטמאַן! טיילמאָל, אַז כ׳טרינק ביער, בעקום איך אַפּעטיט צו אונגאַר-וויין, און אַז כ׳טרינק אונגאַר-וויין, וואָלט איך גערן געוואָלט באָרדאָ.... און אַז כ׳בעקום אַביסעל באָרדאָ, בעקום איך חשק צו שאַמפּאַניער... יאָ, טיילמאָל פֿערגלוסט זיך מיר אויך אַביסעל קאָניאַק, נאָר עלטער אַלטער קאָניאַק; אָבער מעהר ווי צוויי גלעזלעך קאָן איך נישט טרינקען.

גוטקינד: מעהר נישט ווי צוויי?

זאַטמאַן: יאָ, באַלד דערנאָך ווער איך שלעפֿעריג

און דאָס איז פאַר מיר אַ פשוט גליק, וואָרום סך־הכל שלאָף איך דאָך נאָר אַביסעל נאָכ׳ן פרישטיק און טיילמאָל, אַז ס׳איז אַ גרויסע היץ, אָדער נאָך אַ רעגען, כאַפּ איך אַ דרימעל אויך נאָכ׳ן מיטאָג, וואָרום ביינאַכט, דאַרפט איהר וויסען, מאַך איך דאָך קיין אויג נישט צו.

גוטקינד: אַזוי, איהר שלאָפט נישט ביינאַכט?

זאַטמאַן: כ׳וויים, כ׳שלאָף דאָרט אַ אַכט—ניין שעה.

גוטקינד: נישט מעהר?!

זאַטמאַן: (זיפצט) יאָ, יאָ, ה׳ דאָקטאָר, אַזוי ווי איך זאָג אייך. (הויבט זיך אויף) אָ, וואָס פאַר אַ צוק דאָ איז צווישען דער מיר און דעם אויווען. קומט בעסער, ה׳ דאָקטאָר, אַריין צו מיר אין צימער און איך וועל אייך גענוי דערצעהל׳ען מיין קרענק....

גוטקינד: ביטע, ביטע זעהר.

זאַטמאַן: (אַפּאַרט) אַ אויסגעצייכענטער דאָקטאָר. אָ, ווען ער וואָלט געוואָלט ווערען מיין איידעם! (הויך) ה׳ דאָקטאָר, זייט אַזוי גוט און גיט מיר די האַנד, איהר זעהט דאָך, אַז איך קאָן מיך קוים ריהרען.

גוטקינד: ביטע. (גיט איהם די האַנד, ביידע געהען צוזאַמען אַרויס רעכטס).

8׳טער אויפטריט.

בעטי (אליין).

בעטי: (קומט אריין דורך דער ערשטער טיר לינקס) מיר דאכט זיך, אז ל׳בין אביסעל צו לאנג געשלאפען... ס׳איז שוין אפשר צייט איינצונעמען די רעצעפט. (קוקט זיך ארום) וואס, ס׳איז גאר קיינער נישטא? (פון הינטער דער ביהנע הערט מען צו-פאהרען א קארעטע, בעטי געהט צו צו דער גלאז-טיר) דאכט זיך, דער דאקטאר... אבער ווי יונג! אזא יונגעל און שוין א דאקטאר, א פערקעהרטע וועלט היינט! ניין, איך האב נישט קיין צוטרוי צו אזעלכע דאקטוירים. איהם וועל איך טאקע פרובען, נאר בענוצען וועל איך די אלטע טערי׳ציגען פון אונזער פערשטארבענעם הויז-דאקטאר פוקס.

9׳טער אויפטריט.

בעטי, עקשטיין.

עקשטיין: (קומט אריין דורך דער מיט און פערנייגט זיך) גנעדיגע פרוי...

בעטי: (אפארט) קענטיג, ערשט געענדיגט. (הויך) הערר דאק-דאקטאר...

עקשטײן: ענטשולדיגט, אדער בעסער געזאגט, ענטשולדיגט, טײערע מוהמע, איך האב דיך באלד דערקענט... איך בין נישט קײן דאקטאר, איך בין נאר דײן ברודערז-זוהן, אדאלף עקשטײן...

בעטי: וואס, דו — אדאלף —!

עקשטײן: יא, איך בין אדאלף.

בעטי: (שטעקט איהם אויס די אָרעמס) דו-דו ביזט אדאלף!

עקשטײן: יא, ליבע מוהמע!

בעטי: איך וואלט דיך קײנמאל נישט דערקענט. ווען איך האב דיך דאס לעצטע מאל געזעהען, ביזטו נאך געווען אַזא קלײן קינד.

עקשטײן: מ'ווערט עלטער, מ'ווערט גרעסער. וואס מאכט איהר עפעס? מאמא און פאפא לאזען הערצליך גריסען.

בעטי: זעהסט, איך בין אזוי איבערראשט, אז איך האב דיך גאר פערגעסען צו פרעגען ווענען זײ. אבער זאג מיר נאר, איהר האט נאר פערגעסען ווי מײן מאן איז מיט אײך צוקריגט, אז ער האט זיך געשוואוירען, אז ער וועט קײנעם פון אײך אויף זײן שוועל נישט אַרויפלאזען.

עקשטײן: מיר האבען נישט פערגעסען, נאר איך בין טאקע אהערגעקומען מאכען אײנמאל פאר אלע מאל אסוף צום דאזיגען סכסוך, וואס פאסט גארנישט פאר א בעסער הויז.

בעטי: אבער גראד איצט. דער פעטער איז אזוי קראנק, און אז ער וועט נאר בלויז הערען זײן שוואגערס נאמען, וועט ער שוין ווערען מלא חמה.

עקשטײן: זײן כעס וועט זיך אבער באלד אײנ-שטילען ווי ער וועט נאר רײדען מיט מיר.

10־טער אויפטריט.

די פאריגע, פעליקס.

פ ע ל י ק ס : (דורכין הינטערגרונד מיט א רעצעפט, וועלכע ער נעמט אין) דאכט זיך, אז די רעצעפט וועט מיר יא העלפע. (בעמערקט עקשטיינ׳ען) א, דער ה׳ דאקטאר! (צועקשטיינ׳ען) ה׳ דאקטאר, איך לויף אייך שוין מעלדען דעם הערר, נאר איך וועל אייך אויך בעטען א מעדיצין, ווארום איך בין אויך ליידענד, זעהר ליידענד! (לויפט ארײן אין זאטמאנ׳ס צימער).

11־טער אויפטריט.

בעטי, עקשטיין.

ע ק ש ט ײ ן : (פערוואונדערט) וואס איז דאס?

ב ע ט י : וואס איז איהם איינגעפאלען?

ע ק ש ט ײ ן : (לויפט נאך פעליקס׳ן)ווארט נאר, הער נאר אוים!

ב ע ט י : פעליקס! פעליקס!

ע ק ש ט ײ ן : ער האט מיך, שוין געמעלדעט.

ב ע ט י : א, מיין גאט!

ע ק ש ט ײ ן : צום, טייוועל! דער פעטער וועט זיך

בּאַלד אַרײַנרוּפֿען און ער װעט מיך גוּט אױסזידלען און אַרױסװאַרפֿען. װאָס טהוּט מען איצט? װאָס טהוּט מען איצט?

בּעטי: שלעכט, שלעכט!

עקשטײן: פֿאַרװאָס האָט ער מיך עפּעס געהאַלטען פֿאַר אַ דאָקטאָר?

בּעטי: מיר ערװאַרטען הײַנט אַ דאָקטאָר, װעלכען מיר קענען נישט פּערזענליך.

עקשטײן: װאָס, דער פֿעטער קען נישט דעם דאָקטאָר, װעלכען ער ערװאַרט?

בּעטי: קײנער קען איהם נישט.

עקשטײן: אױסגעצײכענט! דו װײסט װאָס, מוזהמע? איך װעל מיך פֿאָרשטעלען פֿאַר'ן פֿעטער אַלס דער נײַער דאָקטאָר.

בּעטי: װאָס רעדסטו!

עקשטײן: יאָ, יאָ, איך װעל דערװײַל האָבען צײַט צו צוגרײטען דעם פֿעטער.

בּעטי: דו קענסט זיך דאָך אָבער נישט אױף מעדיצין.

עקשטײן: אַבּיסעל אַהנוּנג האָב איך יאָ און איך װעל איהם פֿאָרלױפֿיג פֿערשרײַבּען אַזעלכע רעצעפּטען, װאָס אױב זײ בּרענגען נישט קײן נוּצען, בּרענגען זײ אָבער אױך נישט קײן שאָדען.

בּעטי: אָבער פֿונדעסטװעגען...

עקשטײן: (בּעמערקט דעם אַרײַנקומענדען זאַטמאַן) ס'איז שױן צוּ שפּעט.

12׳טער אויפטריט.

די פאריגע, זאטמאן.

ז א ט מ א ן : (פון רעכטס) דו ביזט א בהמה? דאס איז דאך אונטעגליך! ד״ר רובינשטיין איז דאך שוין דא.

ע ק ש ט י ין : (שטיל צו בעטי׳ן) ד״ר רובינשטיין פון קראקא? דאס איז מיינער א פריינד. זארג זיך נישט, מוהמע.

ז א ט מ א ן : (צו עטקינד׳ן) ענטשולדיג, דער בהמה מוז זיך האבען טועה געוועזן; מיט וועמען האב איך די עהרע?

ב ע ט י : (אפארט) א, גאט!

ע ק ש ט י ין : (אבוסעלפערלעגען) יא, געעהרטער זאטמאן... איך בין.... יא, איך בין אויך א דאקטאר.. אויך דאקטאר רובינשטיין.

13׳טער אויפטריט.

די פאריגע, אננא.

א נ נ א : (דורך דער צווייטער טיר לינקס, אפארט) אך, מיין גאט!

זאטמאן: (פערוואונדערט) וואָס, צוויי דאָקטוירים רובינשטיין?

אנגא: (אפארט) מיר זענען פערלוירען!

עקשטיין: יאָ... דאָס הייסט... אייגענטליך בין איך אַ קוזין פון ה׳ ד״ר רובינשטיין פון קראָקא.... איך בין ד״ר רובינשטיין פון לעמבערג....

זאטמאן: אהא! אזוי! דאָס איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש. (קוקט זיך ארום) אָבער וואו איז דער אַנדערער דאָקטאָר?

פעליקס: (געהט צו צו דער טיר) ה׳ דאָקטאָר! ה׳ דאָקטאָר רובינשטיין פון קראָקא!

עקשטיין: (אפארט) איצט הויבען זיך אָן די ערשטע טעג יום-טוב.

14־טער אויפטריט.

די פאָריגע, גוטקינד, פעליקס.

גוטקינד: (קומט ארײַן זעהר צומישט, פון רעכטס, אפארט) גוי! קום איך שוין פון דאַנען ארויס!

זאטמאן: כאַ.. כאַ... מיר האָבען דאָך איער קוזין דאָ, דאָקטאָר רובינשטיין פון לעמבערג.

גוטקינד און עקשטיין: (קוקען זיך נעגענזײַטיג אָן, גלײַכצײַטיג אפארט) דאָס איז גאָרנישט קיין רובינשטיין!

ב ע ט י : (אפארט) מיר ווערט שווארץ פאר די אויגען!

ז א ט מ א ן : וואס, איהר בעגריסט זיך גארנישט, מיינע הערען?

ג ו ט ק י נ ד : ענטשולדיגט.... איך.... איך בין נישט דאקטאר רובינשטיין פון קראקא, נאר זיינער א פעטער... איך... איך בין ד״ר רובינשטיין פון ווארשא.

ז א ט מ א ן : די הערען רובינשטיין קענען זיך, אלזא, גארנישט?

ע ק ש ט י י ן : ניין. (אננא געהט צו צו גוטקינד׳ן און רעדט מיט איהם שטיל),

ז א ט מ א ן : לא.. לא... דאס איז שעהן! מיר האבען דא צוזאמען צוויי רובינשטיינ׳ס, איך געפין זיך אין די הענד פון בלויז רובינשטיינ׳ס! דאס פרעהט מיך, ווארום וואס מעהר דאקטוירים, איז אלץ בעסער פאר׳ן קראנקען. יא, שוין בלויז דער געדאנק, אז איך האב ביי מיר צוויי דאקטוירים, האט געבראכט דערצו, אז איך פיהל זיך שוין בעסער (גלעט זיך דעם בויך) ל׳בעקום אפילו ווידער אפעטיט. פעליקס! פעליקס! (שרייט אריין און קוך) פעליקס, היים מ׳זאל מיר אריינברענגען עפעס צו עסען.. א געבראטענעם הערינג... א קאטשקעלע.... לאקשען מיט ארבעס.... א שטיקעל קישקע.... אטעלערל מייערן-צימעס.... נאר קודם כל ברענג אריין א גלזעל קאניאק, דו הערסט! (צו די ה״ה) נו, מיינע הערען, וואס דאקטוירים קאנען אויפטהון, ל׳בעקום אפעטיט!

ע ק ש ט י י ן : געווים, געווים, (צו בעטי׳ן) זיי נאר רוהיג, מוהמע.

ג ו ט ק י נ ד : זעלבספערשטענדליך, זעלבסטפער-שטענדליך, (צו אננא׳ן) נאר קאלט בלוט.

א נ נ א : אבער אום גאטעס ווילען, פארזיכטיג.

ז א ט מ א ן : ביז מ׳וועט עפעס אריינברענגען איבער-

צוכאַפּען, וואָלט איך געמיינט, אַז די ביידע דאָקטוירים זאָלען אָבהאַלטען אַ שטיקעל קאָנסיליום וועגען קראַנקען (אַנווייזענדיג אויף זיך).

עקשטיין: איך מוז אייך זאָגען...

גוטקינד: איך מוז אייך בעמערקען...

זאַטמאַן: אַננאַ... בעטי... ווייזט די דאָקטוירים די רעצעפּטען פון אונזער טייערן פערשטאָרבענעם דאָקטאָר פוקס. (בעטי געהט מעכאַניש צו צום שרייב-טיש רעכטס, אננא צום טיש לינקס, ביידע נעמען אַרויס פון די שופלאַדען אייניגע גרויסע פּאַקעטען צוזאַמענגעבונדענע רעצעפּטען. בעטי גיט זיי איבער גוטקינד׳ן, אננא עקשטיינ׳ען.)

בעטי: (צו גוטקינד׳ן) דאָ האָט איהר ד״ר פוקס׳ס רעצעפּטען פון לעצטען יאָהר.

גוטקינד: (נעמט די רעצעפּטען) פון לעצטען יאָהר? (אַפּאַרט) ס׳איז מיר וואויל!

עקשטיין: (צו זאַטמאַנ׳ען) איך מוז אייך מודה זיין, אַז איך קאָן אייך אין איצטיגען מאָמענט נישט זעהר נוצליך זיין, ווארום כ׳האָב אויפ׳ן וועג פערלוירען מיין אַפּטייק.

זאַטמאַן: דאָס איז נישט קיין אומגליק! אַננאַ, ברענג אַריין דעם ה׳ דאָקטאָר מיין הויז-אַפּטייק! (אננא אָב אין זאַטמאַנ׳ס צימער).

גוטקינד: (בעטראַכט דעם גרויסען פּאַקעט רעצעפּטען וועלכע ער האַלט אין האַנד) און דאָס אַלץ האָט איהר איינגענומען?

(צוזאַמען)

זאַטמאַן: ביז׳ן לעצטען טראָפּען.

גוטקינד: (אַפּאַרט) ער האָט אַ גוטען מאָגען!

עקשטיין: (אַפּאַרט) נישקשה!

אננא: (קומט אַריין מיט דער אַפּטייק) אָט איז די אַפּטייק.

עקשטיין: (האַלט מיט ביידע הענד די רעצעפּטען, ווייזט אָן לינקס אויפ׳ן טיש) שטעלט זי דאָרט אַוועק.

זאַטמאַן: (זיך אַוועקזעצענדיג אין מיטען ביהנע) און איצט

לאמיר נישט פערלירען קיין צייט; דא זיץ איך, איהר קאנט זיך דארט בעראטען, די פרויען וועלען ארויסגעהן.

בעטי: (שטיל צו גוטקינד'ן) איך וואלט אייך געבעטען, נעמט איהר אליין איבער די גאנצע זאך.

גוטקינד: איך!?

אננא: (שטיל צו עקשטיינ'ען) ה' דאקטאר, בענוצט נאר אייער מעטאדע!

עקשטיין: אבער ענטשולדיגט, איך.... (גוטקינד און עקשטיין פערבויגען זיך פאר בעטי און אננא, וועלכע געהען ארויס: די ערשטע דורך דער ערשטער, די צווייטע דורך דער צווייטער טיר לינקס).

15=טער אויפטריט

עקשטיין, זאטמאן, גוטקינד.

זאטמאן: (ציהט אוים ביידע הענד, כדי זיך צו לאזען טאפען דעם פולס. גוטקינד און עקשטיין שטעהען, איהם נישט אנקוקענדיג, פערטיפט אין זייערע רעצעפטען. פויזע — זאטמאן לאזט מיד אראב ביידע הענד, קוקט זיי אן און ווערט קענטיג פערלעגען) הא? וואס? איהר שווייגט? בין איך אזוי ערנסט קראנק? ווי גאט איז אייך ליב, זאגט מיר דעם אמת.

גוטקינד: (ווי אויפגעוועקט פון שלאף) ניין, פערקעהרט, איהר זענט געזונד.

זאטמאן: וואס? איך בין געזונד?

גוטקינד: ס׳הייסט — איינגאנצען נישט...

עקשטיין: ניין, נישט איינגאנצען... (בײדע טאפען איהם דעם פולס).

גוטקינד: הם, הם...

עקשטיין: (אין א אנדערען טאן) הם!...

זאטמאן: (אונרוהיג) וואס פארא סימפטאמען בעמערקט איהר?

גוטקינד: איך וועל אייך אמבעסטען פערשרייבען א רעצעפט. (געהט צו צום שרייב־טיש. ביי וועלכען ער זעצט זיך. אפארט ווען ער שרייבט) דער אפטייקער וועט מאכען א שעהנע מינע, ווען ער וועט אנקוקען מיין רעצעפט. דערווייל געווין איך אבער צייט.

עקשטיין: איך וועל אייך באלד מאכען א רעצעפט. (אפארט) כ׳וועל אוועקשיטען דעם פראשעק און איהם וועל איך איינגעבען דאס ריינע וואסער און פטור אנ׳ עסק.

זאטמאן: אויסגעצייכענט. איינער שרייבט א רעצעפט און דער אנדערער מאכט שוין א רעצעפט.

עקשטיין: (נעמט ארויס א פלעשעל פון דער אפטייק און בעטראכט עס) ס׳קאן נישט שאדען. (שיט אריין אלע פילען אין גלאז, בעטראכט א צווייט פלעשעל) אויך אונשעדליך (שיט עס אריין אין גלאז) רעמבאבארום, קאן אויך נישט שאדען, אריין! (שיט עס אריין אין גלאז) איצט האט ער, דאכט זיך, אזא פונש, וואס ער האט נאך אין זיין לעבען נישט געהאט (צו זאטמאנ׳ען, דערלאנגענדיג איהם דאס גלאז. הויך) טרינקט!

זאטמאן: אבער, ה׳ דאקטאר, אזוי שנעל האט איהר שוין פעסטגעשטעלט מיין קראנקהייט און איהר גיט מיר שוין א מעדיצין?

גוטקינד: (שרייבענדיג) שאדט נישט, איהר קאנט רוהיג אויסטרינקען, וואס מיין קאלעגע פערשרייבט אייך.

ז אַ ט מ אַ ן: (שטעלט אַוועק דאָס גלאָז) ס׳וואָלט מיר אָבער ליב געווען, ווען איהר זאָלט זיך פריהער בעראַטען... בײַ דער געלעגענהײַט וואָס איהר זענט בײַדע צוזאַמען.

ג ו ט ק י נ ד: דאָס איז איבּריג.

ע ק ש ט יי ן: פּאַקטיש, פאָלשטענדיג איבּריג.

ז אַ ט מ אַ ן: איך וואָלט עס אײַך אָבער דורכאויס געבעטען. מעגליך, זשעניר איהר זיך, אַז איך זאָל דערבײַ נישט זײַן; אָבער איך הער אַבּיסעל שוואַך און אויסערדעם קאָנט איהר זיך דאָך צונויפרײַדען אויף לאַטײַן.

ג ו ט ק י נ ד: אֶפשר וועט דער ה׳ קאָלעגע אַזוי גוט זײַן און אַרויסזאָגען זײַן מײנונג וועגען דעם. (אַפּאַרט) איך וועל אויף אַלעם זאָגען יאָ.

ע ק ש ט יי ן: זעהר ליבּענסווירדיג פון אײַער זײַט, נאָר איך וואָלט דאָס זעלבּע פאָרגעלעגט דעם ה׳ קאָלעגע.

ג ו ט ק י נ ד: אָבער, איך בעט אײַך, ה׳ קאָלעגע...

ע ק ש ט יי ן: בּיטע זעהר... (בײַדע שווײַגען) נו?

ג ו ט ק י נ ד: איך וואַרט....

ע ק ש ט יי ן: איך האָב דאָך אָבער אײַך געבעטען...

ג ו ט ק י נ ד: (מיט אַהעכערער שטים) און איך האָב דאָך אײַך געבעטען....

ז אַ ט מ אַ ן: (האַלב אַפּאַרט) אַ שעהנע געשיכטע: איצט וועלען זיי זיך בּײַדע רײַסען בײַ די קעפּ! (הויך) אָבער, מײַנע הערען, האָט רחמנות מיט אַ אָרימען מענש, לאָזט איצט אָן אַ זײַט די קאָמפּלימענטען און הויבּט שוין אַמאָל אָן צו רײַדען לאַטײַן....

ג ו ט ק י נ ד: (אַפּאַרט) וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט מיט׳ן לאַטײַן?

ע ק ש ט יי ן: (אַפּאַרט) וואָס האָט ער זיך צו מיר צוגעטשעפּעט מיט׳ן לאַטײַן?

ז אַ ט מ אַ ן: נו רעדט דאָך, מײַנע הער׳ען, רעדט!

ג ו ט ק י נ ד : (אפארט) אפנים פערפאלען. (הויך) ענא קרעזא — קענטעקיווע פעבראם גורניקאם אבדאמיניאלעם אינטערמיטענטעם-עסע (קוקט פון א זייט אויף עקשטיינ'ען וואס פארענ'-איינדרוק די ווערטער האבען אויף איהם געמאכט).

ע ק ש ט י י ן : (אפארט) וואס איז דאס פארא לאטיין? וואס וויל ער פון מיר אבלאכען? מיר וועלען זעהן! (הויך) טיהי ווידעטור ארגאניקאם פונצטיאנעם נערוואָרום אטאקאם פוירע.

ז א ט מ א ן : (ציטערט אויף, פאר זיך) אטאקאס!

ג ו ט ק י נ ד : (אפארט) פוירע — זאל ער מיך האבען געפאקט, אדער ער ציהט מיך אן? — ווארט! (הויך) ענא קרעזא מאריבונדום...

ע ק ש ט י י ן : (אפארט) מאריבונדום! ער לאכט קענטיג אב פון אונז ביידען.

ג ו ט ק י נ ד : (אפארט) איך קאן מעהר נישט... ווי קריך איך דא ארויס?.. (הויך) אויב דער פאציענט ערלויבט, וואלט איך געוואלט א וויילע אליין בלייבען מיט מיין קאלעגע.

ז א ט מ א ן : (ווידער בעאונרוהיגט) בין איך אפשר — אפשר — געפעהר — פעהרליך קראנק?

ג ו ט ק י נ ד : א, ניין, איך זאג אייך, אז נישט.

ע ק ש ט י י ן : איהר קאנט דערויף זיין זיכער. מיין ווארט...

ז א ט מ א ן : איך גלויב אייך, נאר ציהט מיר נישט ארויס די נשמה. זאגט מיר באלד, וואס מיר פעהלט. (פאר זיך אויפשטעהענדיג) מערקווירדיג, ווי שוואך איך בין פלוצלונג געווארען.... (ביידע בעליייטען איהם ביז צו דער טיר רעכטס) אבער וואס שנעלער, איך בעט אייך, וואס שנעלער... (אב אין זיין צימער).

ע ק ש ט י י ן : מיר רופען אייך באלד צוריק.

16־טער אויפטריט.

עקשטיין, גוטקינד.

עקשטיין און גוטקינד: (קומען צוריק אין פאדערגרונד און זאגען גרייכצייטיג) ה' דאָקטאָר, כאָטש ס'איז מיר שווער, מוז איך אייך אָבער מודה זיין, אַז איך בין נישט.... (ביידע שטעלען זיך אב).

גוטקינד: וואָס? —

עקשטיין: איהר! —

גוטקינד: ניין־איהר —

עקשטיין: איך־ע —

גוטקינד: אָבער — (ביידע צולאכען זיך, נאָך א פויזע) איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך פרעג אייך, צוליב וואָס האָט איהר זיך אויסגעגעבען פאר אַ דאָקטאָר?

עקשטיין: איך האָב אייך אייגענטליך געקאָנט ענטפערן מיט דער זעלבער פראגע. אַזוי ווי איך וויל אָבער נישט מאַכען קיין סוד דערפון, ערקלער איך אייך, אַז איך בין אונזער פאַציענט'ס אַ קוזין און בין אַהער געקומען מאַכען שלום צווישען איהם און מיינע עלטערן. אַזוי ווי איך האָב איהם אָבער געטראָפען אין אַ קראַנקען צושטאַנד און ווען איך וואָלט זיך איהם ריכטיג פאָרגעשטעלט, וואָלט זיך זיין געזונד־צושטאַנד נאָך מעהר פערערגערט, האָב איך געמוזט ערשיינען אונטער אַ פאַלשען נאָמען. גראָד האָט מיך דער דינער גע־מעלדעט אַלס דאָקטאָר און אַזוי בין איך געוואָרען אַ דאָקטאָר אָהן עקזאַמען און אָהן דיפּלאָם. איצט ערווארט איך אַ

געהעריגע ערקלערונג פון אייער זייט. מיין נאמען איז אדאלף עקשטיין.

גוטקינד: זעהר אנגענעהם. מיין נאמען איז לעאן גוטקינד, אינזשינער. פאראיאהרען האב איך אין טשעכאסלאוואקיי, ניין, טשעכא־טשינעק זיך בעקענט מיט פרל. אננא...

עקשטיין: מעהר דארף איך שוין נישט, דאס איבריגע פערשטעה איך שוין אליין. אבער וואס מאכען מיר איצט מיט אונזער פאציענט?

גוטקינד: איהר האט דאך עפעס דארט געמאכט?

עקשטיין: און איהר האט דאך איהם עפעס פערשריבען?

גוטקינד: איך האב אויפגעמאלט א פאר ראשי־תיבות.

עקשטיין: און איך האב צונויפגעמישט אלע פילען און פראשקעס, וואס כ'האב דא געפונען און איהם איינגעגעבען.

גוטקינד: מיר מוזען דאך אבער א טראכט טהון וועגען דער צוקונפט. ווי מ'גיט מיר איבער, בעשטעהט די גאנצע קראנקהייט פון אייער פעטער אין זיין פיגור און זיין גוטען אפעטיט; איך מיין דעריבער, אז דאס בעסטע וואלט געווען ווען מיר זאלען איהם גוט אויסהונגערן און לאזען שפאצירען, און נישט פערדרייהען זיך א קאפ מיט מעדיקאמענטען.

עקשטיין: יא, דאס געפעלט מיר זעהר. דאס וועטער איז שעהן, א שפאציר וועט איהם גאנץ גוט שמעקען און פון נישט עסען וועט ער נאך אזוי גיך נישט שטארבען.

17־טער אויפטריט

די פֿאָריגע, זאַטמאַן.

ז אַ ט מ אַ ן: (אין דער טיר פֿון זײַן צימער) מ׳קאָן שוין?

ע ק ש ט ײַ ן: בּיטע... בּיטע...

ז אַ ט מ אַ ן: (קוקט זיך אונרוהיג ארום) נו?.. נו?...

איז מײַן צושטאַנד... געפֿעהרליך?

ג ו ט ק י נ ד: זאָל גאָט אָבּהיטען, קײַן שום שפּור פֿון געפֿאַהר!

ז אַ ט מ אַ ן: (דערפֿרעהט) טאַקע?

ע ק ש ט ײַ ן: יאָ, גאַנץ זיכער.

ז אַ ט מ אַ ן: (מיט אַ זיפֿץ פֿון דערלײַכטערונג) אָ, ווי דאָס אליין דערפֿרעהט מיך שוין!

ג ו ט ק י נ ד: פֿאָרלױפֿיג האָבּען מיר בּעשלאָסען זיך אינגאַנצען אָבּצוהאַלטען פֿון מעדעצינען.

ז אַ ט מ אַ ן: אַ שאָד; אֶפּשר וואָלט מען פֿאָרט געקאָנט עפּעס....

ע ק ש ט ײַ ן: ניין—מיר וועלען אײַך פֿערשרײַבּען אַ דיעטע...

ז אַ ט מ אַ ן: (פֿערקנײַפּשענדיג ס׳פּנים) אַ דיעטע...

ג ו ט ק י נ ד: אַ מעסיגע־זעהר אַ מעסיגע.

ז אַ ט מ אַ ן: (צו גוטקינד׳ן) איהר ווײַסט דאָך אָבּער אַז איך עס אָהן דעם אויך כּמעט גאָרנישט...

ג ו ט ק י נ ד: איך ווײַס, איך ווײַס, געעהרטער ה׳ פּאַציענט.

18־טער אויפטריט.

די פאָריגע, פעליקס.

פ ע ל י ק ס: (קומט אַרײַן דורכ׳ן הינטערגרונד לינקס מיט א טאַבלעט, אויף וועלכע ס׳שטעהט א פלאַש קאָניאַק, א גלעזעל און אײניגע שטיקלעך ברויט, שטעלט זיך אָב נעבען זאַטמאַנ׳ען).

ז אַ ט מ אַ ן: איצט, מײַנע הערען, אז איהר האָט מיך בערוהיגט, אז ס׳איז נישטאָ קײַן געפאַהר, איז מיר שוין בעסער געוואָרען. אפשר וועט איהר אויך מיטטרינקען אַ גלעזעל?

ג ו ט ק י נ ד: (קוקט פרעגענד אָן עקשטיינ׳ען) הם, הם!

ע ק ש ט ײַ ן: הם, הם!

ז אַ ט מ אַ ן: (נעמט די פלאַש קאָניאַק און דאָס גלעזעל פון טאַבלעט און גיסט אײַן פאַר זיך. **פ ע ל י ק ס** שטעלט אַוועק דאָס טאַבלעט אויפ׳ן טיש לינקס, געהט אין הינטערגרונד און ברענגט אַרײַן אין דער מיט ביהנע דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען צווישען די טירען. אויפ׳ן טיש שטעהען פערשידענע געקאָכטע מאַכלים. **ז אַ ט מ אַ ן** צו **ג ו ט ק י נ ד ׳ ן**) אויף אײַער געזונד, ה׳ דאָקטאָר!

ג ו ט ק י נ ד: (איהם ארויסנעמענדיג דאָס גלעזעל פון האַנד) איהר טאָרט נישט טרינקען קײַן קאָניאַק! (צו **ע ק ש ט ײַ נ ׳ ע ן**, וועלכער האָט ארויסגענומען די פלאַש פון **ז אַ ט מ אַ נ ׳ ס** צווייטער האַנד) אויף אײַער געזונד, ה׳ קאָלעגע! (טרינקט און גיט **ע ק ש ט ײַ נ ׳ ע ן** דאָס גלעזעל).

זאטמאן: דער פערשטארבענער ד״ר פוקס האט דאך מיר אבער...

עקשטיין: (נעמענדיג דאס גלעזעל) ער איז געווען א שלעכטער דאקטאר. (גיסט זיך איין א גלעזעל קאניאק) איך האלט קאניאק פאר שעדליך־זאגאר פאר געפעהרליך! (טרינקט).

זאטמאן: פערפאלען, אז דאקטורים זאגען. (בעמערקט דעם אריינקומענדען פעליקס מיט א טעלער) איהר וועט אפשר מיט־עסען, מיינע הערען?

עקשטיין: מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

זאטמאן: ביטע זעהר. (זיי זעצען זיך צום טיש, זאטמאן אין דער מיט, גוטקינד רעכטס, עקשטיין לינקס. זאטמאן טיילט צו ערשטביידע חלקים, זיי עסען. ווען ער וויל זיך נעמען א שטיקעל פלייש, כאפט איהם גוטקינד אן ביי דער האנד).

גוטקינד: וואס טהוט זיך מיט אייך? (נעמט איהם צו דעם טעלער).

עקשטיין: (נעמט איהם צו דעם גאפעל) געבראטענס טארט איהר גארנישט עסען.

זאטמאן: וואס, איך טאר נישט עסען קיין געבראטענס?

עקשטיין: זאל גאט אבהיטען! נישט אמת, ה' קאלעגע?

גוטקינד: (פעסט) אויסגעשלאסען.

זאטמאן: א שאד, א גרויסער שאד... נאר אויב איהר פערבאט מיר געבראטענס, וועל איך מוזען עסען הוהן...
(וויל נעמען א שטיק הוהן).

עקשטיין: ענטשולדיגט, די הוהן איז זעהר פעט.

זאטמאן: איז זי דאך גוט!

גוטקינד: פאר א געזונדען—יא, אבער פאר אייך אלס פאציענט.

זאטמאן: ה׳ דאָקטאָר—איך שטאַרב פאַר הונגער!

עקשטיין: נו, נו, פאַר הונגער וועט איהר נישט שטאַרבען. (צו פעליקס׳ן, וועלכער שטעהט הינטער זאטמאַנ׳ען און קוקט גיריג אויף די מאכלים) ברענגט שנעל אַריין אַ טאַס זופּ פאַר אייער הערר.

גוטקינד: (צו פעליקס׳ן, וועלכער האָט שוין געמאַכט איינגעשריט אין הינטערגרונד) אָבער מאָגערע—איהר הערט, זעהר מאָגערע!

זאטמאן: (אויפשפּרינגענד און אַרויפוואַרפענדיג די סערוועטע אויפ׳ן טיש) איך וויל נישט קיין זופּ! (געהט אין פאָדערגרונד און זעצט זיך ביים שרייבטיש. פעליקס קעהרט צוריק אויף זיין אָרט).

עקשטיין: (נעמענדיג אַ פלאַש וויין) הם, באָרדא, איהר ערלויבט, ה׳ קאָלעגע?

גוטקינד: (האַלטענדיג דאָס גלעזעל) אויב איהר ווילט אזוי, גוט זיין.

זאטמאן: (ברומט עפּעס ביי׳ז פאַר זיך).

פעליקס: (שטוט דאָס זעלבע וואָס זיין בעל-הבית).

גוטקינד: ווילט איהר, קאָלעגע, אַ פליגעל?

עקשטיין: דאַנק אייך, איך וויל בעסער אַ פּופּיק.

זאטמאן: (ברומט נאָך ביי׳זער, פעליקס—אויך אזוי).

גוטקינד: ווי שמעקט דעם קאָלעגע דאָס עסען?

עקשטיין: זעהר גוט, קאָלעגע.

זאטמאן: (ברומט ווייטער אַפאַרט) נישט צום אויס-האַלטען!

פעליקס: (אַפאַרט) ווי זיי פרעסען! (ברומט).

גוטקינד: אַפשר נאָך אַ גלעזעל?

עקשטיין: טרעם פאַקיונט קאָלעגיום (זיי טרינקען).

גוטקינד: (אויפשטעהענדיג) און איצט וועלען מיר זעהן וואָס אונזער פּאַציענט מאַכט.

עקשטיין: (איז אויך אויפגעשטאַנען צו זאטמאַנ׳ען) נו,

ליבער ה׳ זאטמאן, וואס מאכט איהר נאכ׳ן פרישטיק?
(פעליקס רוימט שנעל אוועק, טראגט צוריק דעם טיש אויף זיין ארט און געהט ארויס מיט די טעלער).

19-טער אויפטריט.

זאטמאן, עקשטיין, גוטקינד.

גוטקינד: נישט אמת, איצט איז אייך אביסעל בעסער! (פויזע).

עקשטיין: א, אונזער פאציענט זעהט אוים צו זיין אביסעל בייז!

גוטקינד: דאס מאכט נישט אוים; א דאקטאר מוז איבערטראגען אלע אונאנגענעהמליכקייטען. (צו זאטמאנ׳ען) ניט מיר די האנד... (נעמט מיט גוואלד זאטמאנ׳ס האנד, וועלכע ער האלט זיך צוריק צו געבען) א, דער פולס קלאפט זעהר האסטיג.

עקשטיין: (טאפט אויך) ער קלאפט שרעקליך!

גוטקינד: נו, נו, איהר וועט זיך שוין בערוהיגען. זאגט אליין, פיהלט איהר נישט נאכ׳ן פרישטיק א געוויסע... שווערפעליגקייט?

זאטמאן: (נישט וויל׳ענדיג) יא.

עקשטיין: ס׳קלעמט אייך?

זאטמאן: יא.

גוטקינד: דאָס בלוט בײַ אײַך איז נישט אין אָרדנונג?

זאַטמאַן: יאָ, יאָ!

גוטקינד: ס'איז, אַלזאָ, זיכער, אַז איהר לײַדט פון אַ שלעכטער פערדײַאונג און אונרעגעלמעסיגע צירקולאַציע פון בלוט, דאָס בלוט קומט צו צום קאָפּ און אין אַ שעהנעם טאָג —

עקשטײַן: קראַך?

זאַטמאַן: (שפּרינגט אויף, זעהר דערשראָקען) קראַך!?

גוטקינד: (זינקענדיג מיט דער האַנד, טעמפּ) קראַך!

זאַטמאַן: מיר ווערט שוואַרץ פאַר די אויגען!

עקשטײַן: מיר ווילען אָבער דערצו נישט צולאָזען. קודם כל מוזט איהר האָבען פיעל בעוועגונג.

גוטקינד: בעזונדערס נאָכן עסען.

זאַטמאַן: וואָס זאָל איך דען טהון? געהן, רײַטען, יאָגען, טאַנצען—נו, זאָגט שוין אַמאָל! אָפּשר זיך נאָר באָדען?

עקשטײַן. יאָ, אַ גוט באָד...

גוטקינד: אָדער אַזוי אַ טוש...

זאַטמאַן: דאָס קאָן איך לײַכט האָבען, אָט דאָ אונטען בײַ דער מיהל. (רופט) פעליקס! אָפּשר ווילען די הערען אויך בײַ דער געלעגענהײַט?...

עקשטײַן: נײַן, נײַן, מיר דאַנקען. מיר מוזען איצט זאָרגען נאָר וועגען אײַך.

זאַטמאַן: פעליקס! פעליקס!

20־טער אויפטריט.

די פארינגע, פעליקס דורכ׳ן הינטערגרונד לינקס מיט אפול מויל.

זאטמאן: (צו פעליקס׳ן) ברענג מיר שנעל אריין א לײלעך, טיכער, א באד־מאנטעל, מײן הוט, שטעקען, ראק— און א דיק באד־לײלעך! (פעליקס אב אין זאטמאנ׳ס צימער) יא, יא, מײנע הערען, נאך א גליק וואס איך האב אזעלכע עהרליכע און גוטע דאקטורים. (פעליקס קומט אריין און ברענגט איהם די אלע זאכען, זאטמאן טהוט זיך איבער דעם ראק) ענטשולדיגט מיר, איך געה שוין.

גוטקינד: מיר ווערען אײך בעגלײטען. (אלע דרײ אב).

21־טער אויפטריט.

פעליקס אליין.

פעליקס: דאס באדען זיך מוז זײן א גוטע זאך,

אַז נישט וואָלטען זיי איהם נישט געהייסען, און איך האָב מיך שוין אָפּשר 10 יאָהר נישט געבאָדען... אָבער וואָס איז אַ מענש אָהן אַ דאָקטאָר!... מיר האָבען צוויי דאָקטוירים אין שטוב און איך האָב נישט קיין מינוט צייט כאָטש איינעם צו פרעגען עפּעס וועגען מיר. דער מאָגען איז מיר שטענדיג נישט אין אָרדנונג. ווער ווייס, צי ס'קומט נישט דערפון, וואָס איך עס אויף די שיריים, וואָס דער אַלטער לאָזט איבער. איך בין שטענדיג אַזוי נישט געזונד. (בעמערקט דאָס גלאָז, אין וועלכען ס'געפינט זיך די געמאַכטע רעצעפּט) אַ, וואָס איז דאָס? דאָס איז געווים די רעצעפּט, וואָס אַ דאָקטאָר האָט געמאַכט פאַר מיין הערר. איך וועל עס אַראָבנעמען, ס'קאָן מיר נאָך אויסקורירען מיט איינמאָל. (טרינקט לאַנגזאַם) ס'שמעקט נישט שלעכט, אַז מ'וועט מיך פרעגען, וואו ס'איז אַהינגעקומען, וועל איך זאָגען, אַז כ'האָב עס געהאַלטען פאַר וואַסער און עס אויסגעגאָסען. מיר איז שוין בעסער, ס'עטעמט זיך מיר גאָר אַנדערש. און איצט וועל איך מיך אויך געהן באָדען, אָבער אויף אַ נ'אַנדער אָרט וואו מיין בעל־הבית (וויל אַרויסגעהן, אין הינטערגרונד בעגעגענט ער ד״ר רובינשטיין, אַפּאַרט) ווער איז דאָס ווידעה?

22-טער אויפטריט.

רובינשטיין, פעליקס.

רובינשטיין (שטרענג) איהר, איהר — זאָגט אייער הערר, אַז ד״ר רובינשטיין איז געקומען! שנעלער!

פעליקס: ד״ר רובינשטיין? כא... כא...

רובינשטיין: פארוואס לאכט איהר?

פעליקס: (לאכט נאך שטארקער) ד״ר רובינשטיין! כא.. כא... כא...

רובינשטיין: טאמער העט איהר אויף צו לאכען, גראבער יונג!

פעליקס: דער דריטער רובינשטיין! כא.. כא.. כא... דער דריטער! כא.. כא.. כא. (לויפט ארויס דורכ׳ן הינטערגרונד רעכטס).

רובינשטיין: (לויפט איהם נאך) וואס פארא דריטער? איך וועל דיר שוין ווייזען! וואס פארא דריטער?

23-טער אויפטריט.

רובינשטיין, בערטא.

בערטא: (ארייגלויפענדיג דורכ׳ן הינטערגרונד לינקס) פעליקס!

רובינשטיין: (אפארט) אהא, דאס דינסטמיידעל. (הויך) פרייליין זאגט דעם העהר, אדער דער פרוי, אז איך בין געקומען: דאקטאר רובינשטיין.

בערטא: (צולאכט זיך) דאקטאר רובינשטיין?

רובינשטיין: וואס בעדייט דאס? וואס לאכט זי אויך?

בערטא: (לאכט נאָך שטאַרקער) ווער? ווער? כאַ.. כאַ.. ענטשולדיגט, כאַ.., כאַ.. כאַ.. (פאַלט אַ נידער אויף אַ שטול).

רובינשטיין: (אויפגערעגט) איך בין אַ העפליכער, נעדולדיגער מענש, נאָר ס׳קאָן דאָך דאָ....

בערטא: ענטשולדיגט מיר, נאָר... (לאַכענדיג) אין איין טאָג דער דריטער דאָקטאָר רובינשטיין... כאַ.. כאַ.. כאַ...

רובינשטיין: (בייז) ווי אַזוי דער דריטער? וואָס פאַר׳אַ דריטער? וואו, ווער איז דער דריטער?

בערטא: איהר!

רובינשטיין: ווי אַזוי איך?

בערטא: יאָ, ווייל מיר האָבען שוין דאָ צוויי.

רובינשטיין: וואָס צוויי?

בערטא: צוויי דאָקטוירים רובינשטיין.

רובינשטיין: וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

בערטא: דאָס ווייס איך נישט, נאָר אַזוי איז עס, איהר וועט עס זיך באַלד קאָנען איבערצייגען (אָב אין וואַרטע אַנ׳ם צימער).

רובינשטיין: הלום איך, אָדער זענען דאָ אַלע משוגע?

24-טער אויפטריט

רובינשטיין, בעטי.

בעטי: (דורך דער ערשטער טיר לינקס) אזא לאנגער קאנסיליום, איך בין שוין אונרוהיג. (בעמערקענדיג רובינשטיינ'ען) אַ!

רובינשטיין: (פערבויגענדיג זיך) איהר זענט ווארשיינליך די ווירטין-פון הויז?

בעטי: יאָ, און מיט וועמען האָב איך די עהרע?

רובינשטיין: דאָקטאָר רובינשטיין.

בעטי: איהר?... דאָס איז אונמעגליך!

רובינשטיין: (אַפּאַרט) זו אויך? (הויך) איך פערשטעה נישט. איהר זענט די דריטע פערזאָן אין דאָזיגען הויז, וואָס וואונדערט זיך וואָס איך הייס רובינשטיין.

בעטי: מיר האָבען דאָך דאָ שוין צוויי דאָקטוירים רובינשטיין.

רובינשטיין: אָדער אַזעלכע, וועלכע רופען זיך אזוי.

25-טער אויפטריט.

די פאריגע, בערטא.

בערטא: (פון זאטמאנ׳ס צימער) דאָ איז קיינער נישטאָ, נאָר דורכ׳ן פענסטער האָב איך געזעהען ביידע דאָקטורים ביים ברעג, ביי דער מיהל. מיר דאַכט זיך, אז ס׳באָדט זיך ווער אונטער דער מיהל... ווארשיינליך דער הערר.

בעטי: נאָכ׳ן פרישטיק אַבאָר!

רובינשטיין: אַבאָד נאָכ׳ן פרישטיק! דאָס איז אַ געפעהרליכע זאַך. מיר מוזען שוין אראָב! (בערטא אב דורכ׳ן הינטערגרונד לינקס). איך וועל קודם כל איינער מאן לאָזען צום אָדער.

26-טער אויפטריט.

די פאריגע, אננא דורך דער צווייטער טיר לינקס.

בעטי: איהר ווילט מיין מאן לאָזען צום אָדער? נאָכ׳ן פרישטיק?

אננא: וואס? דער ה' פעלדשער וויל דעם פאפא לאזען צום אדער?

רובינשטיין. פעלדשער?!

בעטי: (פארשטעלענדיג פאר אננא'ן) ה' דאקטאר רובינשטיין.

אננא: ה' דאק־דאקטאר רובינ — ענטשולדיגט...

בעטי: קומט, ה' דאקטאר, קומט! (ביידע אב).

אננא: וואס קומט דא פאר? ווי אזוי ווערט זיך דאס ענדיגען? (אב נאך זיי).

27־טער אויפטריט.

זאטמאן, גוטקינד, עקשטיין.

(תיכף ווי בעטי, רובינשטיין און אננא זענען ארויסגעגאנגען, הערט מען הינטער דער ביהנע אין הינטערגרונד רעכטס זאטמאנ'ס קול. אין פערלויף פון דער גאנצער ווייטערדיגער לויפט זאטמאן מיט גרויסע שריט ארויף און אראב איבער דער ביהנע. גוטקינד און עקשטיין געהען איהם נאך שריט ביי שריט).

זאטמאן: (הינטער דער ביהנע) פעליקס, עפעס צו עסען! (ווייזט זיך אין דער טיר, ארויטע נאז, די האר נאס און פלאך אנגעקלעבט אויפ'ן שטערן און פנים) גיב מיר עפעס צו עסען! פעליקס!... ברר.. בבב!.. (געהט מיט גרויסע שריט, הינטער איהם גוטקינד און עקשטיין).

גוטקינד: אבער בערעכענט זיך נאר...

זאטמאן: לאזט מיך צורוה! איך בין בייז! פעליקס, קאניאק!

עקשטיין: דאס קאן אייך שאדען!

זאטמאן: מיר איז שוין נישט קיין אונטערשיד... בבבב!...

עקשטיין: נעמט כאטש אלייכטע זאך צו טרינקען.

גוטקינד: גריץ.

זאטמאן: לאזט מיך צורוה מיט אייער גריץ! פעליקס! פעליקס! פעליקס! בעטי! אננא! צי איז גאר קיינער נישטא אין שטוב?

גוטקינד: שרייט נישט אזוי הויך, ס'קאן אייך נאך שאדען.

זאטמאן: ס'איז מיר שוין קיין אונטערשיד נישט, מעהר וועל איך סיי ווי סיי נישט אויסהאלטען. איך מוז עפעס עסען. וואו איז ערגעץ דער דינער? כ'וועל איהם דעם קאפ עפענען! בעטי, אננא!

עקשטיין: אבער ה' זאטמאן!

גוטקינד: בערעכענט זיך דאך!

זאטמאן: (זעהר בייז) איך וויל מיך מעהר גאר נישט בערעכענען! לאזט מיך צו רוה! לאזט מיך צו רוה! בעטי! אננא! פעליקס! בערטא! (קלינגט, קלאפט א. ד. ג.) צי איז דאס גאנצע הויז אויסגעשטארבען?

עקשטיין: אבער ה' זאטמאן....

זאטמאן: איך געה אליין אריין אין קיך און וועל פון אלעם אתעל מאכען. (רייסט זיך פון זיי ארויס און לויפט ארויס אין הינטערגרונד לינקס).

28=טער אויפטריט.

גוטקינד, עקשטיין קוקען זיך מוטלאז אן, פויזע.

עקשטיין: נו, וואס איצט?
גוטקינד: וואס טהוט מען טאקע?
עקשטיין: ער קאן זיך נאך איבערעסען....
גוטקינד: און טאקע אויף אנ'אמת קראנק ווערען.
עקשטיין: אשענע קאשע האבען מיר דא פערקאכט.
גוטקינד: איהר האט עפעס אנ'עצה ארויסצוקריכען?
עקשטיין: ניין. לאמיר געהן פרעגען מיין מוהמע, אפשר וועט זי עפעס וויסען. (ביידע געהען צו דער קיך אין הינטערגרונד).

29=טער אויפטריט.

די פאריגע, רובינשטיין, בעטי, אננא.

רובינשטיין: (קומט אריין דורך דער טיר אין הינטערגרונד רעכטס, הינטער איהם בעטי און אננא).
גוטקינד און עקשטיין: (צוזאמען) רובינשטיין!
רובינשטיין: וואו איז דער פאציענט?

בעטי: וואו איז מיין מאן?

עקשטיין: אין דער קיך. אָבער איהר מוזט אונז...

גוטקינד: (געהט צו) ערלויבט מיר אייך צו בעטען ענטשולדיגונג.

עקשטיין: (צו רובינשטיין) זעהר גוט וואס דו ביזט געקומען. נאָר דו קאָנסט אונז בעפרייען פון דער סיטואציע, אין וועלכע מיר געפינען זיך.

רובינשטיין: אזוי ווי איהר זענט מיינע בעקאנטע, וויל איך אייך נישט מאכען קיין סקאנדאל, נאָר איך וויל זיך צום פאציענט נישט צוריהרען. הייבט איהר איהם ווייטער, איך פאָהר שיין צוריק אהיים.

גוטקינד: טייערער פריינד!

עקשטיין: ליבער ה׳ דאָקטאָר!

אננא: (געהט צו איהם צו) ה׳ דאָקטאָר!

רובינשטיין: וואס ווילט איהר, פרייליין?

אננא: (לאָזט אראָב די אויגען) איך, איך וואָלט אייך געבעטען...

בעטי: אונזערע צוויי דאָקטוירים ליגען שוין אזוי אויך געבונדען אין פעקעל, בלייבט דאָ.

רובינשטיין: גוט, איך טהו די דאמען צוליב און בלייב דאָ.

גוטקינד: (נעמט איהם ארום) טייערער פריינד?

עקשטיין: (דריקט איהם די האנד) אהערצליכען דאנק, דאָקטאָר.

זאטמאן: (אין דער טיר אין הינטערגרונד לינקס) פעליקס! פעליקס!

30=טער אויפטריט.

די פאריגע, זאטמאן, פעליקס.

זאטמאן; (קומט אריין דורך דער טיר אין הינטערגרונד לינקס).

פעליקס; (קומט אריין דורכ'ן הינטערגרונד רעכטס. בלאס, ארויטע נאז, האלט זיך ביים מאגען).

זאטמאן; (געהט לאנגזאם, רעדט מיט א שוואכער שטים). פעליקס!.. בעטי!... א, א!

פעריקס; א, א!

זאטמאן; אננא, איז קיינער נישטא?

בעטי; (געהט צו איהם צו, נעמט איהם אונטער'ן רעכטען ארעם) וואס איז דיר?

פעליקס; א, א!

זאטמאן; (ווייזט אויפ'ן מאגען) אט דא... דריקט מיך... אוי, כ'האלט נישט אויס... (אננא און גוטקינד שטעלען אוועק אין מיטען ביהנע א שטול, זאטמאן און פעליקס געהען גלייכצייטיג צו צום שטול.) ראטעוועט מיך!

פעליקס; איך שטארב! (ביידע פאלען גלייכצייטיג אויפ'ן שטול. זאטמאן הויבט זיך שנעל אויף, נעמט אן פעליקס'ן פאר'ן קארק אוןווארפט איהם אראב פון שטול) לאזט מיך באטש שטארבען....

זאטמאן; (זעצט זיך אויפ'ן שטול, מיט א שוואך קול, ווייזט אויפ'ן מאגען) אט דא... דא... וואו זענען די דאקטוירים?

פעליקס: (גערט צום הינטערגרונד און זעצט זיך אויף א שטול) איך בין אזוי ליידענד.

בעטי: (אונרוהיג) ה׳ דאקטאר! (רובינשטיין גיט איהר א צייכען, אז זי זאל זיין רוהיג).

זאטמאן: א, מיר איז נישט גוט, נישט גוט... שנעלער... וואו זענען די דאקטוירים? (בעמערקט גוטקינד׳ן און עקשטיינ׳ען) מיינע העררען... איך בין זיך מורה... איך האב איך נישט געפאלגט... איך האב געגעסע... ראטעוועט מיך.... דאס בלוט קריכט מיר אין קאפ אריין.... (צו גוטקינד׳ן, אקענענשטעקענדיג די לינקע האנד) דעם פולס?... וואס, איהר זענט ביידע? איהר ווילט מיר אפילו דעם פולס נישט טאפען? א, א! (מיט נאך א שוואכערע שטימע צו עקשטיינ׳ען, אויסשטעקענדיג איהם די האנד) אפשר וועט איהר אויף מיר רחמנות האבען?... יעדע מינוט איז דאך א שאד... ה׳, דאקטער, זעהט וואס ס׳הערט זיך מיט׳ן פולס... וואס, איהר אויך נישט? איהר האט ביידע קיין רחמנות?

רובינשטיין: (גערט צו און טאפט דעם פולס פון דער האנד, וועלכע זאטמאן האט מעכאניש ארויס-געשטעקט) דער פולס איז גאנץ נארמאל!

זאטמאן: (דרעהט זיך צו איהם פערוואונדערט אויס) א.... א... ווער זענט איהר?

רובינשטיין: דאקטאר רובינשטיין.

זאטמאן: (שפרינגט ביינו אויף) מיין הערר, דאס איז שוין צופיעל! איך מעג זיין קראנק, איך מעג האלטען ביים שטארבען, נאר צום נאר מאכען, וועל איך זיך נישט לאזען. (גערט מיט גרויסע שריט אין פאדערגרונד).

רובינשטיין: זייט נישט בייז — נאר איך בין ווירקליך דער בעשטעלטער דאקטאר רובינשטיין פון קראקא.

זאטמאן: אבער צום טייוועל, צו האבען זיך

אלע רובינשטיינס הײנט אויף מיר ארויסגעלאזט?

רובינשטיין: ניין, געעהרטער הערר, איך בין דער איינציגער עבטער דאקטאר רובינשטיין.

זאטמאן: און זיי ביידע?

רובינשטיין: זענען נישט קיין דאקטוירים און הייסען נישט רובינשטיין... איינער איז א קוזין, אדאלף עקשטיין.

זאטמאן: וואס, אדאלף, מיין שוואגער'ס זוהן?...

עקשטיין: ליבער פעטער...

זאטמאן: (שנעל ארויס, ארויס פון מיין הויז!

בעטי: אבער טייערער מאן, מיין ברודער האט איהם געשיקט דיך איבערבעטען.

זאטמאן: (רוהיג) מיך איבערבעטען... א, דאס איז שוין גאר אנ'אנדערע זאך. איך בין איהם מוחל, און דו, קום א הער, וועל איך זיך מיט דיר צוקושען (ביידע צוקושען זיך, דערנאך ווײזט זאטמאן אן אויף גוטקינד'ן) און וואס איז מיט דעם?...

גוטקינד: (פערלעגען) איך, געעהרטער ה' זאטמאן... איך בין... מיין נאמען איז לעאן גוטקינד... אינזשענער... איך בין אהערגעקומען מיט דער כוונה... מיין ציעל איז....

בעטי: ה' גוטקינד בעט אונז די ערלויבניש צו בעקומען אננא'ס האנד.

זאטמאן: אהא... אבער ניין, דערפון וועט גארנישט ווערען, ווארום מיין טאכטער מוז נעמען נאר א דאקטאר...

רובינשטיין: איך בין דאקטאר און אויב איהר ווילט מיך פאלגען, זאג איך אייך, אז איהר זאלט נישט נעמען קיין דאקטאר פאר אנ'איידעם, ווארום ער וועט אייך גיך דעם טויט מאכען.

זאטמאן: (טראכט אביסעל נאך) יא, איהר זענט גערעכט. (צו גוטקינדין) אלזא, איהר זענט נישט קיין דאקטאר?

גוטקינד: ניין, איך בין...

זאטמאן: מיך אינטערעסירט נישט וואס איהר זענט יא. איך וויל נאר וויסען, אויף אייער ערענוואָרט, צי איהר זענט נישט קיין דאקטאר?

גוטקינד: מיין ערענוואָרט, אז נישט.

זאטמאן: גוט, בעקומט איהר מיין טאָכטער.

גוטקינד: איך דאנק אייך.

זאטמאן: און דו, אננא, ווילסט איהם?

אננא: (ליעבעדיג) יא, פאפא, יא.

זאטמאן: גוט, אבער איצט ערקלערט מיר, פארוואס האט איהר מיך עפעס געטומען קורירען?

רובינשטיין: כדי אייך איבערצייגען, אז איהר זענט פולשטענדיג געזונד און האט אפעטיט, נאר איהר רעדט זיך איין א קרענק.

פעליקס: אבער, איך בין אמת'דיג קראנק.

גוטקינד: אייך וועט שוין בעהאנדלען דער אמת'דיגער דאקטאר רובינשטיין.

זאטמאן: און איך וויל דערווייל עפעס עסען.

פארהאנג.

פערלאג „א. גיטלין״

אנאטאל פראנס

געטער זענען דורשטיג

יודיש: א. איינהארן.

אנאטאל פראנס ווערט געהאלטען פאר איינעם פון די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט־ליטעראטור. זיין ראמאן „געטער זענען דורשטיג״ געהערט צו זיינע אונשטערבליכע ווערק, וואס זיינע געשטאלטען, בילדער און שילדערונגען לעבען נאמש פאר דעם לעזערס אויגען, און דער לעזער האט דעם איינדרוק, ווי ער אליין וואלט זיך בעטייליגט אין דעם אלעם, וואס ווערט אזוי מייסטערהאפט געשילדערט אינ׳ם ראמאן.

די ערשיינונג פון אזא ראמאן אין יודיש וועט זיכער דערפרעהען יעדען יודישען לעזער, פונקט ווי עס דערפרעהט יעדען לעזער פון אנ׳אנדער פאלק, ווען אזא קאפיטאל ווערק ווערט איבערגעזעצט אין זיין שפראך.

צוויי בענדער

עלעגאנט ארויסגעגעבען

פערלאג „א. גיטלין“

ש. גאָרעליק

אין וואַנדער-לעבען

דער פערטרוימטער און שטימונגספולער גאָרעליק האָט אַ סך געזעהן און האָט פון דעם געזעהענעם געשאַפען זעהר אינטערעסאַנטע און אינהאַלטס-רײַכע רײַזע-בילדער און אַרטיקלען. גאָרעליק איז שוין גוט בעקאַנט אין דער יודישער גאַס און ער נויטיגט זיך נישט אין קײן רעקלאַמעס. דער ליעבהאָבער פון יודיש, דער יודישער לעזער וועט זיכער געהן צו גאָרעליק'ס בוך, וואו ער וועט זעהן, ווי אַזוי עס לעבט זײַן אייגענער ברודער אין פרעמדע לענדער, וואו ער וועט זיך בעקאָנען מיט פערשיעדענע יודישע כלל-טהוער, אינטערעסאַנטע פערזענליכקייטען א. ד. גל. גאָרעליק גיט דאָ אויך איבער די פאַרביגע לאַנדשאַפטען פון דער שווייץ, וואָס זענען געשריבען מיט אַ קרעפטיגער האַנד. אויף די זייטלעך פון גאָרעליקס בוך אָטעמט דער מענש און די נאַטור מיט לעבען, און דערין ליעגט דער רייץ פון בוך.

עלעגאַנט אַרויסגעגעבען